בעזהשי"ת
קינדערגארטן
דישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר
- קרית יואל יע"א -
נתייסד ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זיע"א • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

# וואס הערט זיך אין קינדערגארטן









## ✪ אן תורה קען מען נישט לעבן

(פאר די גרעסערע קינדער) די וואך האבן מיר געלערנט די מעשה פון פפוס'ל, וואס האט געפרעגט רבי עקיבא וויאזוי ער האט נישט מורא צו לערנען תורה אין די צייט וואס דער קיסר לאזט נישט און ער וועט שטארק שטראפן דערפאר. האט רבי עקיבא אים דערציילט א משל מיט א פוקס וואס איז געקומעןביים ברעג פון ים.

**שלמה אלימלך פריעדמאן** נ"י – דערציילט אויף די מייק די מעשה פאר אלע קינדער, און מיר זעהן ווי א פוקס (**הערשע גליק** נ"י) בעט פון די פיש (**יושע קאללער** נ"י) ער זאל ארויס קומען פון די וואסער, און די פיש ענטפערט אים. די נארישע פוקס, דו ביסט די קליגסטע חי'? ווייסטו דען נישט אז א פיש אן וואסער קען נישט לעבן? אזוי - זאגט רבי עקיבא - קען א איד אן די הייליגע תורה נישט לעבן....

מיר גייען די וואך שפאצירן מיט מיין רבי צו זעהן א גרויסע אראנדשע פיש וואס שווימט אין וואסער, מיר לערנען זיך אויס אז א פיש קען נאר לעבן אין א וואסער. אויך הענגט דארט אויף די וואנט א הערליכע טאוועל פון די פוקס וואס שמועסט מיט די פיש, מיר זאלן בעסער קענען פארשטיין די מעשה. (**שלמה הערש שפילמאן** נ"י שרייט חי וקיים "מיין טאטע האט א פיש סטאר און איך האב געזעהן אפאר מאל ווי א פיש איז אינדרויסן פון וואסער און ער לעבט"... שלמה הערש ווען דו וועסט ווערן גרעסער וועל איך דיר געבן צו פארשטיין, אז עס קוקט נאר אויס ווי די פיש לעבט. ער צאפעלט און שפרינגט, אבער אין אמת'ן איז ער שוין א טויטער. די זעלבע זאך. אמאל זעהט מען א מענטש וואס פירט זיך נישט אויף לויט די הייליגע תורה, עס קוקט אויס ווי ער מאכט א לעבן, ער שפרינגט און פארפירט. מ'קען מיינען ער לעבט א טאג. אבער אין אמתן איז ער א "טויטער". ווייל נאר מיט די הייליגע תורה קען א איד עקזעסטירן, וחי בהם)

## ✪ שמיטה. וואס מיינט דאס פלאנצן?

(פאר די גרעסערע קינדער) די וואך פרשת בהר לערנט מען אז שמיטה טאר מען נישט פלאנצן און איינזייען א פעלד. וואס מיינט דאס איינזייען? וואס מיינט דאס פלאנצן?
די וואך הערן מיר אלעס ארום א פעלד וויאזוי מ'פלאנצט א פעלד און וויאזוי עס וואקסט.



### מ'אקערט די פעלד

צו ערשט מוז מען אקערן די פעלד. אקערן מיינט אז מ'גראבט אויף די ערד עס זאל ווערן ווייעד. קומען צוויי אינגעלעך **יצחק לאנדא** נ"י מיט **ברוך פריעדמאן** נ"י אקערן מיט א שאועל און מאכן ווייעד די זאמד.

### מ'נעמט קערעלעך

נאכדעם לייגט מען אריין אין די ערד קערעלעך. אויב מ'וויל ס'זאל וואקסן טאמעיטאס, דארף מען אריין לייגן קערעלעך פון טאמעיטאס. אויב מ'וויל איינפלאנצן פיקעלעך, לייגט מען אריין קערעלעדע פון פיקעלעך. און אויב מ'וויל פלאנצן פאפריקע, לייגט מען אריין קערעלעך פון פאפריקע. פון וואו נעמט מען די קערעלעך? האט מען אויפגעשניטן א טאמעיטא און **משה יודא שפילמאן** נ"י מיט **אהרן מנחם גרשון סימאן** נ"י גייען ארום ווייזן פאר אלע קינדערלעך אז אין די טאמעיטא איז דא קערעלעך. אויך האט מען אויפגעשניטן א פאפריקע און **מרדכי גאלדבערגער** נ"י האט געוויזן פאר יעדן די קערעלעך. אויך א פיקעלע האט מען אויפגעשניטן און **משה פאגעל** נ"י מיט **מרדכי פריעדמאן** נ"י ווייזן יעדן איינעם די קערעלעך. ווער עס האט נישט געקענט גוט זעהן די קערלעך, וועט בעטן די מאמע זאל אים ווייסן אינדערהיים....



### מ'זייעט איין די קערלעך

יעצט דארף מען אריין לייגן די קערלעך אין די זאמד. זענען געקומען אפאר אינגעלעך און האבן געפלאנצט די קערעלעך **משה יודא עקשטיין** נ"י, **משה בערגער** נ"י, **שלו' הכהן שווארטץ** נ"י און האבן ארייגעלייגט די קערעלעך פון די טאמעיטא, פיקעלע, פאפריקע, טיף אין די זאמד.

### מ'באוואסערט די פעלד

די לעצטע זאך, דארף מען באוואסערן די פעלד עס זאל גוט וואקסן. יעצט קומט **ישראלי פאלאטשעק** נ"י און האט געשפריצט וואסער.

יעצט וועט מען ווארטן אפאר וואכן ביז ס'וועט ארויס וואקסן בלעטעלעך נאכדעם וועט ארויס קומען בלומעלעך נאכדעם וועט ארויס קומען די פיינע גרינצייגן....

ווען מ'האט געענדיגט, האבן מיר געווארט ביז מיין רבי איז געקומען און מיר זענען אלע ארויס געגאנגען אין הויף פון תלמוד תורה, דארט זעהן מיר אונזער גרויסע פעלד־גארטן. ס'איז שוין גרייט צום פלאנצן. מיר זעהן ווי מ'אקערט אויף די גאנצע זאמד נאכדעם וועט מען אי"ה איינפלאנצן ביז ס'וועט ארויס וואקסן פיינע היימישע גוטע גרינצייגן און מיר וועלן קענען אהיים טראגן לכ'ק שבת קודש.

## ✪ מיר זענען געפארן אויף א טריפ

אזוי ווי דער וועטער איז געווען גאר געשמאק די וואך, זענען אלע קינדערגארטן קינדער (נישט די פרי נורסערי און נורסערי) ארויס געפארן אויף א געשמאקע טריפ פון וועלכע די קינדער האבן גאר שטארק הנאה געהאט. מ'איז געפארן צו אראנד"ש קאנט"י ערפאר"ט. ווי מיר האבן געזעהן קליינע פליגער'ס הייבן זיך ארויף און אראפ. מיר האבן זיך אויך אפגעשטעלט ביי א פארק ווי מיר האבן געגעסן מיטאג און געשמאק פארברענגט. אויפן וועג האבן מיר געזעהן פארשידענע אינטרעסאנטע קיעהלעך שעפעלעך און נאך פארשידענע זאכן. מיר האבן זיך באמת מחי' געווען.

**וויכטיגע באמערקונג:** מיר וועלן בלנ"ד נישט ארויס נעמען די קינדער אויף צופיל טריפס. אין פרינציפ האלטן מיר שטארק פון האלטן די קינדער אין די ראמען פון ת"ת. און מיר פראבירן צו ברענגען אלעס אונטער די ווענט פון ת"ת. פארט אמאל אמאל איז געזונט פאר די קינדער און פאר די רבי'ס און מיר פארן ארויס פארשטייט זיך נאר אויף פלעצער וואס זענען אויסגעהאלטן אויף הונדערט פראצענט. מיר וועלן פראבירן צו מעלדן פון פארויס ווי ווייט מעגליך אי"ה.

פרי כתה א' וועט פארן אי"ה קומענדיגע וואך.

די קינדער פון פרי כתה א' האבן זיך די וואך זונטאג אריבער געכאפט צו בית רחל קאזניץ ווי די קינדער האבן פארברענגט אין די הערליכע פארק מיט סווינגס און גליטשערס וואס געפונט זיך דארט.

## ✪ פאררעכטן אלע טירן מ'זאל זיך נישט צוקלעמען

אין קינדערגארטן זענען פארהאן אויף אלע טירן א גרויסע ראָבֶּער, אויף אן אופן אז די קינדערלעך זאלן זיך ח"ו נישט קענען צוקלעמען. מיט די צייט זענען פארשידענע קאליע געווארן, האט מען די וואך ב"ה פאררעכטן אלע טירן. דער באשעפער זאל אוודאי האלטן די רעכטע האנט. ביי דער געלעגנהייט ווילן מיר זיך באדאנקן פאר דעם געטרייעם אסיסטענ"ד מעניטינענ"ס מענידשער מו"ה **מאיר מאלאח הי"ו** איז געשיקטערהייט געקומען דאס פאררעכטן, און בכלל אויף אלעם וואס ער שטייט אונז צו הילף מיט אלעם וואס ס'פעלט זיך אויס.

## ✪ אנגעהויבן געבן טעראפי נעבן חדר

א נייע זאך האט מען אנגעהויבן די וואך וואס וועט האפענטליך באגריסט ווערן פון די חשובע עלטערן שיחיו. אלע קינדער וואס נעמען פארשידענע סארט טעראפי, וועלן מער נישט פארן מיט די באסעלע צו דעם סקול דיסטריקט ווי ביז יעצט. נאר וועלן באקומען די טעראפי הארט נעבן דעם בנין פון תלמוד תורה אין א ספעציעלע טרעילאר. עס קומט זיך א דאנק פאר די הנהלה פון שערי חמלה צו צושטעלן די סערוויס וואס וועט פארבעסערן דעם ענין, סיי בנוגע אז די קינדער וועלן נישט דארפן פארברענגען אומזיסטע צייט אויף די באסעס, ווי אויך וועלן די מלמדים קענען האבן בעסערע קאמיונעקאציע מיט די טעראפיסטן וויאזוי ארויסצוהעלפן און ארבעטן צוזאמען פאר די טובה פון די קינדער בעזהשי"ת.

השתדלו והרבו תחינה

ב"ה אז דער מצב ביי אנזער טייערע חבר אלימלך בן חוה לאה גייט צו בעסערונג אבער ער דארף נאך "אסאך" רחמי שמים צו האבן א פולקאמע ערהוילונג

ביטע ווייטער מתפלל זיין פאר הילד

**אלימלך בן חוה לאה**

לרפואה שלימה בקרוב ממש בתוד שאר חולי ישראל

# חכמה'לעך

✪

**טובי' פריעדמאן'ס** טאטע געט אים א ענוועלאופ צו טראגן פאר זיין רבי. טובי' פרעגט זיין טאטע "וואס איז דאס"? זאגט מען אים געלט פאר זיין רבי לכ' ראש חודש. פרעגט ער "וויפיל געלט איז דא אין די ענוועלאופ"? זאגט מען אים, צוואנציג דאללער. זאגט טובי' "ניין, איך טראג עס נישט. מ'דארף אריין לייגן טויזענט דאללער, איך וויל פרייליך מאכן מיין רבי"....

✪

פסח האט **מרדכי'לע גלאנץ** געבעטן א עסן וואס איז געווען פארקויפט. האט מען אים געזאגט אז ס'איז חמץ. זאגט ער "סאו וועל איך מיך שטארק צובייגן"...

✪

דער רבי דערציילט פאר די קינדער אז דער קיסר האט געוואלט הרג'נ'ן רבי שמעון בר יוחאי. רופט זיך אן **יוסי** שפיטצער (א פרי נורסרי אינגל) "יא, ער האט אים געוואלט אנטרעטן מיט זיין שיך"...

## איש את רעהו יעזורו

## <u>**בנוגע** Hemorrhoids **ביי קינדער**</u>

**צו די אפטיילונג איש את רעהו**

**נאכן מיטמאכן די דריטע קינד מיט** Hemorrhoids **קען איך איבערגעבן וויאזוי דר. ווערצבערגער האט דאס באהאנדעלט.**

**ער האט צום ערשט געזעהן אז דאס קינד זאל ארויס גיין ווי מער (מינערל אויל** –miralax**) און אפי' געצה'ט פאר א לענגערע צייט בשעת ער האט געגעבן א** Suppository **פאר די העמאראוידס אליין. ס'איז כדי זיך צו פארבונדן מיטן דאקטאר סיי ווי, ווייל עס קען פיל מאל פארערגערט ווערן מיט א אינפעקשאן צו וואס מ'דארף נעמען מעדעצין.**

**דרך אגב איך האב מיך פארגענומען אפצוגיסן דעם קינד נאכן ארויס גיין און געזעהן א שינוי לטובה.**

**מרס. ש.**

## <u>**סיזענל אלערדש"י ביי קינדער**</u>

**אויף די אנפראגע פון עטליכע עלטערן וואס קען מען טוהן צו לינדערן די סימפאטן פון סיזענל אלערדש"י ביי קינדער וואס האט זיך דאס יאר שטארק פארשטארקט צווישן קינדער.**

**צו שיקן א פראגע אדער א ענטפער ביטע שיקן א ענוועלאופ אויפגעשריבן צו "איש את רעהו" אפטיילונג**

**עלטערן וועלן אייך דאנקבאר זיין**